ביכער פערלאג „דער האמער".

צ. ק. פ. צ.

# וועגען דעם אריינטרעטען

פון

# בונד אין די ר. ס. ד. א. פ.

ווילנא.
דרוקערײ פון וויטווע און געברידער ראם.
1906.

Вступленіе бунда въ Р. С. Д. Р. П.

ВИЛЬНА.
Типографія Вдовы и братьевъ Роммъ, Уголъ Духовскаго
и Глухого пер. соб. домъ № ½.

# וועגען דעם אַריינטרעטען פון בונד אין די ר. ס. ד. א. פּ.

## I.

ענדליך איז געשעהען דאָס, וואָס ס'האָט געמוזט געשעהען. נאָך אַ דריי־יאָהריגער מלחמה, זינד דער בונד איז אַרויסגעטראָטען פון ר. ס. ד. א. פּ. ביז איצטיגען מאָמענט, האָט ער זיך ענדליך אונטערגעגעבען דער פּאַרטיי און איז אַריינגעטראָטען אין איהרע רייהען לויט די תנאים וואָס די לעצטע האָט אויסגעאַרבייט. דער שטאָלץ־אויפגעהויבענער קאָפּף פון דעם איינציגען אָפּעקון פון'ם יודישען פּראָלעטאַריאַט, חאַפּענדיג אַ קלאַפּ פון דער אכזריות'דיגער ווירקליכקייט, האָט זיך געמוזט איינבויגען און אַרונטערגעהען אונטער'ן יאָך פון'ם זיעגער. דער בונד האָט שוין קיין כח ניט געהאַט צו בעשיצען זיין פּאָזיציע. פון אַ זעלבסטשטענדיגער נאַציאָנאַל־יודישער אָרגאַניזאַציע איז ער פערוואַנדעלט געוואָרען אין גאָרניט, פערליערענדיג אפילו די עהנליכקייט צו אַ פּאָליטישע פּאַרטיי. וואָס־זשע האָט דאָ פּאַסירט? וואָס איז אַזוינס פּאָרגעקומען אין יודישען און ניט־יודישען לעבען, וואָס האָט פערניכטעט דעם בונד?

אָט דיזע פראַגען שווימען פון זיך אַליין אַרויף און פאָדערען אַ קלאָרען און אַ ריכטיגען ענטפער. און ס'איז העכסט אינטערעסאַנט, וויכטיג און בעלעהרענד פונאַנדערקלייבען־זיך אין דיזע פראַגען. די גאַנצע היסטאָריע פון דעם בונד'ס „אַריינטרעטען" אין די פּאַרטיי איז אַזוי בעדייטונגספאָל, בעלייכטעט אַזוי העל די לאַגע פון דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט בכלל און דעם בונד'ס ראָלע אין זיין לעבען בפרט, דאָס זי שטעלט פאַר אונז פאָר אַ גרויסען פּאָליטישען אינטערעס. אמת, דעם סוף פון דעם בונד'ס היסטאָרישער ראָלע האָט מען נאָך פון פריהער געקאָנט פאָראויסזאָגען. ווער ס'האָט

נאר געהאט א וויסענשאפטליכען בליק אויפ'ן גאנג פון דער יודישער ווירקליכקייט, אויף די סאציאלע סביבה פון דעם יודישען פראלעטאריאט, דער האט שוין פאראויסגעזעהן דעם אונפערמיידליכען אונטערגאנג פון דיזער פארטיי, וועלכע האט זיך פון אנפאנג-אן בעמיהט אזוי צביעות'דיג צו פערשטעלען זיך די אויגען, כדי ניט צו זעהען די היסטארישע פערספעקטיווע פון דער יודישער נאציאן. פאר דעם, ווער ס'נעהמט-זיך צום אויספארשען די סאציאלע לאגע און די היסטארישע ריכטונג פון יודישען פאלק מיט די מעטאדען פון וויסענשאפטליכען אנאליז, פאר יענעם איז שוין לאנג קלאר געוועזען דער סוף פון דעם בונד. דעריבער האט אונז דעם בונד'ס פערשווינדען פון דער פאליטישער ארענע גיט געקאנט איבערראשען און האט ניט איבערראשט. צום פאליטישען טויט פון דעם „איינציגען פארשטעהער" האבען מיר זיך שוין לאנג פערהאלטען ווי צו א אונפערמיידליכען פאקט, דעריבער וואונדערט אונז נאר ניט, וואס דער בונד האט מיט אמאל ליקווידירט זיין רעש'דיגע פירמע. דער יודישער פראלעטאריאט וואלט גארניט אנגעווארען, ווען דער בונד וואלט זיין זעלבסט-מארד נאך מיט א צייט פריהער אויסגעפיהרט... ניט צו בעווייגען און בעקלאגען איהם זענען מיר דא אויסען. ניט אין זיינע בליהענדע יאהרען, ניט פאר-דער-צייט איז דער בונד פון דער וועלט אוועק, זיינע אבגעלעבטע כחות צו דער עלטער, זיין אויסגעמאגערטער, אבגעשוואכטער ארגאניזם זענען בדרך-הטבע אויסגעגאנגען ווי א ליכט. און ווען מיר שטעלען-זיך פארט אב אויף די אומשטענדע פון זיין גאר ניט-העלדישען טויט, טהוען מיר דאס נאר מיט דעם ציעל, כדי צוגעבען דערמיט נאך אנ'„אוראק" דעם יודישען פראלעטאריאט.

זינד די רוסלענדישע סאציאל-דעמאקראטישע ארבייטער-פארטיי איז ערשיענען אויפ'ד ער ארענע פון דעם רוסלענדישען געזעל'שאפטליכען לעבען, איז צווישען איהר און דעם בונד פארגעקומען א ברענענדיגע מחלוקת וועגען דעם, צי יודען זענען א נאציאן און וועגען ארגאניזאציאנע פרינציפען. די ר. ס. ד. א.-פ. האט באלד פון אנפאנג-אן פערטיידיגט דעם טעריטאריאל-צענטראליסטישען ארגאניזירונגס-פרינציפ פון פראלעטאריאט, און דערביי האלט זי זיך פעסט עד היום. דער בונד אבער האט-זיך געשטעלט, פון יענעם מאמענט אן, ווען ער האט שוין אליין בכבודו ובעצמו אנערקענט,

דאָס רעכט פאַר יודען זיך אָנצורופען נאַציאָן (און דאָס איז אויך נאָר אין רוסלאַנד, ליטאַ, פּוילען), אויפ'ן שטאַנד=פּונקט פון נאַציאָנאַל=פעדעראַליסטישען אָרגאַניזירונגס=פּרינציפּ. נאָר פּאַקטיש האָט ער געמוזט זיך אָבזאָגען פון אויסנוצען דיזען פּרינציפּ פאַר זיך אַליין. די פּ. שטיצט=זיך אויף דעם, וואָס עס עקסיסטירען נאַציאָנאַל=טעריטאָריאַלע מעהרהייטען, און זי איז מבטל דעם „נאַציאָנאַלען שטויב", דער בונד האָט זיך געשטיצט אויפ'ן נאַציאָנאַלען שטויב, איגנאָרירענדיג דעם טעריטאָריאַלען יסוד פון דער נאַציאָן. די פּ. זאָגט, דאָס ביי איהר איז דער עיקר וואָס די נאַציאָנאַל=פּראָלעטאַרישע מאַסען לעבען קאָמפּאַקט, אויף אַ געוויסען אָרט, און דער בונד טענה'ט, אַז ביי איהם איז דער עיקר די נאַציאָנאַלע שטאַמונג פונ'ם פּראָלעטאַריאַט. די פּ. געהט=אַרויס פון דעם בעגריף פון אַנ' א י נ ה י י ט ל י כ ע ר סאָציאַל=דעמאָקראַטיע, וועלכע פיהרט=אָן צענטראַליסטיש דעם קאַמפּף פון דעם אַלרוסלענדישען פּראָלעטאַריאַט אויף יסודות פון טעריטאָריאַלע, ד. ה. פּראָווינציאַלע אַ ו ט אָ נ אָ מ י ע ן, וועלכע ס'בעקומען נאָר יענע נאַציאָנען, וואָס בילדען אַ מעהרהייט אויף אָבגעגרענצטע טעריטאָריעס אין בעשטימטע ראַיאָנען. דער בונד איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם בעגריף פון אַ פ ע ר א י י נ י ג ט ע ר סאָציאַל=דעמאָקראַטיע, וועלכע פיהרט=אָן דעם קאַמפּף פון דעם אַלרוסלענדישען פּראָלעטאַריאַט, אפילו פון איין צענטר, נאָר אויף די יסודות פון נאַציאָנאַלע פעדעראַציעס. דער פּרינציפּ פון דער פּ. איז — אַלגעמיין=מלוכה'שע איינינקייט פון דער ס.=ד., און פּראַקטיש קומט זי דערצו, אַז מ'דאַרף אָרגאַניזירען די פּראָלעטאַרישע מאַסען לויט די טעריטאָריעס; דעם בונד'ס פּרינציפּ איז — אָרגאַניזירען די פּראָלעטאַרישע מאַסען לויט די נאַציאָנען, און איז געקומען פּאַקטיש צו אַלגעמיין=מלוכה'שע איינינקייט פון דער ס. ד.=יע. די פּ. נעהמט אין בעטראַכט נאָרמאַלע נאַציאָנען, די אַלגעמיינע טעריטאָריאַלע לאַגע פון די נאַציאָנען, דער בונד — די צושפּרייטקייט פון דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט, זיין אויסנאַהמליכע, עקס=טעריטאָריאַלע לאַגע. „גיט איהר אַוטאָנאָמיע דער ס.=ד. פּ. און ל. און דער ס.=ד. ל. ק. — זאָגט ה' ליבער, — דאַן נעהמט איהר אין בעטראַכט אַ בעשטימטע מהעטיגקייטס=טעריטאָריע. ווען איהר לעגט=פאָר די לעטען אַוטאָנאָמיע מה'ט איהר דאָס דערפאַר, ווייל זיי האָבען אַ טעריטאָריע. אָבער ווען

איהר לעגט אונז פאר טעריטאריאלע אויטאנאמיע, פרעגען מיר איך: וואו איז עס דיזע טעריטאריע? אפשר ווערט איהר אונז אנווייזען אויף דעם צפון־מערב'דיגען ראיאן, אויף דרום־רוסלאנד? אונזער לאגע, און גאר ניט אונזערע אנשוויאונגען, ברענגט אונז דערצו, דאס מיר קאנען ניט אזוי פשוט און לייכט לעזען דיזע פראגע בנוגע צו אונז, ווי זי קאן געלעזט ווערען בנוגע צו אנדערע, ווייל מיר געפינען־זיך אין אויסנאהמס־בעדינגונגען".[1]) און ווייטער זאגט ה' ליבער: „דעריבער איז קלאר, דאס די פראגע וועגען בונד מוז איהר בעטראכטען און לעזען אונאבהענגיג פון אנדערע פארטייען"[2]). דא האט זיך דער בונד ענדליך דערערט ביז'ן אמת. אונטער אונזער ווירקונג האט ער שוין אנגעפאנגען מודה־זיין אין די אויסנאהמליכקייט פון דער לאגע פון דעם יודישען פראלעטאריאט. דערמיט האט־זיך דער בונד אויף א סך דערנעהנטערט צו אונז. נאר אויב מיט איין פוס איז ער שוין אריינגעטראטען אין דעם טעמפעל פון אמת, איז אבער די אנדערע נאך פערזונקען געבליבען אין בארענלאזיגען זומפף. געטריי צו זיין אלטען מנהג, מיט קיין זאך ניט צו קומען צו א לאגישען שלום, האט דער בונד אויך אין דיזען פאל ארויסגעוויזען זיין לאגישע ניט־אויסגעהאלטענקייט און זיין טעארעטישע האלבקייט. מיט דעם, וואס ער האט קיין זאך ניט ארויסגעדרונגען פון דעם אויבענדערמאנטען אמת בנוגע צו די סאציאל־היסטארישע אויפגאבען פון דעם יודישען פראלעטאריאט, דערמיט גיפא האט דער בונד פערניכטעט יעטווידער מעגליכקייט צו בעשיצען זיין פאזיציע אין דער דיסקוסיע מיט דער פארטיי. אין די רייד פון בונד האט די פ. געקאנט געפינען נאר א הסכם צו איהר אנזיכט אויף די יודישע נאציאן און אויף דעם יודישען פראלעטאריאט. און טאקי אין דער ארגימענטאציע פון דער פארטיי געגען בונד האט געשפיעלט א ראלע ניט נאר די פערשיעדענהייט פון די פאסטולאטען פון דער סאציאלדעמאקראטישע ארמיניסטראציע, אויב מ'קאן־זיך אזוי אויסדריקען, נאר אפילו די אויסנאהמליכקייט, די עקס־טעריטאריאליטעט פון דעם יודישען

---

1) Наше Слово № 8 Объединит. Съѣздъ Р. С.-Д. Р. П. etc. стр. 39. (אינזער קורסיוו אומעטום)

2) Ibid (אונזער קורסיוו).

פּראָלעֶטאַריאַט אַליין האָט גערדיענט פאַר די „פּאַרטייניקעם" אַלס אַ בלי=זין אין זייער קאַמפּף מיט'ן בּונד. אין דער צייט, ווען דער בּונד, אַרויסגעהענדיג פון דעם פאַקט, וואָס די יודען זענען צוזייהט און צושפּרייט, איז געקימען צו דעם בּעשלוס, אַז מ'דאַרף צונויפ=שטעלען די אָרגאַניזאַציאָנס=פאָרמען פון ס. ד. אויף יסודות פון נאַציאָנאַלע פאָרשטעהעריי — איז די פּאַרטיי, אָנפּאַסענדיג איהר צענטראַליסטיש=טעריטאָריאַלען אָרגאַניזירונגס=פּרינציפּ צו יודען, געקומען דערצו, דאָס זי לייקענט=אָבּ בּכלל די עקסיסטענץ פון דער יודישער נאַציאָן, ד. ה. זי האָט זיך גענומען גלייך צום אונטערגראָבּען דעם פונדאַמענט פון דעם בּונד'ס נאַציאָנאַל=פעדע=ראַטיווען פּרינציפּ. אָננעהמענדיג, דאָס די טעריטאָריע איז דער בּעשטימענדער סימן פון אַ נאַציאָן, האָט די פּאַרטיי לחלוטין אָבּ=געזאָגט די יודען פון זייער רעכט זיך אָנצורופען נאַציאָן. דערבּיי, ווֶעלען מיר אגב בּעמערקען, מישט די פּ. צונויף צוויי בּעגריפען: די ענטוויקלונג און דאָס דאַזיין פון דער נאַציאָן. כדי אַ נאַציאָן זאָל קאָנען נאָרמאַל, אונגעשטערט זיך ענטוויקלען, פאָדערט=זיך אַ טעריטאָריאַלע מעהרהייט. אין דיזען זין האַלטען מיר אויך פאַר דעם בּעשטימענדען סימן פון אַ נאַציאָן איהר טעריטאָריאַלען מאָ=מענט. נאָר אויב מיר זאָגען, דאָס דער בּעשטימענדער סימן פון אַ נאַציאָן, וועלכע לעבּט און ענטוויקעלט=זיך נאָרמאַל, איז איהר טעריטאָריע, איז אָבּער דערפון נאָך גאָר ניט געדרונגען, דאָס די עקס=טעריטאָריאַליטעט איז אַ סימן אַז די בּעטרעפענדע גרופּע איז ניט קיין נאַציאָן, ווייל עס קאָן געבּען פערשידענע סוראָגאַטען[3] וועלכע נעהמען=איבּער די ראָלע פון'ם טעריטאָריאַלען מאָמענט. אָט דיזע סוראָגאַטען האַלטען=אונטער די ע ק ס י ס ט ע נ ץ פון דער נאַציאָן, אָבּער אין דערזעלבּער צייט זענען זיי אויך גורם איהר א ו נ נ אָ ר מ אַ ל ע ע נ ט ו י ק ל ו נ ג, ווייל דאָס איז דאָך ניט מעהר ווי סוראָגאַטען. אויף אַזאַ אופן איז די עקס=טעריטאָריאַליטעט דער בּעדייטענדער סימן פון דער א ו נ נ אָ ר מ אַ ל ע ר „יודישער נאַציאָן. און פון אָט דעם שטאַנדפּונקט בּעקומט די עקסיסטירונג פון אַ יודיש נאַציאָנאַלער ס. ד. פּאַרטיי איהר פאָרמעל-לאָגישע פערטיידיגונג. נאָר דער בּונד האָט זיך גאָרניט אָבּגעלערענט פון דער יודישער לאַגע,

3) סוראגאט — עטוואס אזוינס, וואס פערטרעט דעם ארט פאַ[illegible]אנ'אגדער ואך.

וועלכע ער רופט אָן אַנ׳אויסנאַהמליכע. אי די פ. אי דער בונד זענען מודה, דאָס ס׳איז פאַראַן אַ פערשידענהייט צווישען יודען און ניט-יודען. נאָר די פאַרטײַ האָט צוליעב דיזער פערשידענהייט פערמשפּט די יודישע נאַציאָן צום טויט, דער בונד אָבער האָט זי אינגאַנצען ניט גענומען אין בעטראַכט און איז ניט געקומען ניט צו דעם בעשלוס פון דער פ., ניט צו אונזער בעשלוס. דער בונד האָט טאַקי גאַנץ ריכטיג בעהויפּטעט, דאָס „דער אָרט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע געפינט זיך ניט איבער דעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר אין איהם גופא". און ווען דער לעצטער געהט אַרײַן אין די נאַציאָנאַלע סביבה, ווי איהרער אַ ניט-אָבטײַלבאַרער פּראָדוקט און צוגלייך אַלס איהר אַקטיווער עלעמענט, דאַן מוז אויך די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אַרײַנגעהן אין דיזעלבע סביבה; ריכטיגער געזאָגט, זי מוז אויסוואַכסען פון אינעווייניג פון דיזער סביבה, זענענדיג אי אַ פּראָדוקט אי אַ פאַקטאָר פון דעם נאַציאָנאַלען לעבען, זײַן אַקטיווער עלעמענט. צוזאַמען מיטען פּראָלעטאַריאַט לעבט די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין דער נאַציאָן[4]. נאָר דער בונד האָט קיינמאָל ניט אָנגעוויזען קיין עקאָנאָמישע סבות, וועלכע נאַציאָנאַליזירען די יודישע סביבה. ער פלעגט רעדען וועגען סובּיעקטיווע איבערלעבונגען פון יודען, וועגען זייער אייגענאַרטיגער פּסיכיק, וועגען פערשידענהייטען אין שפּראַכען, אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געפּרובט אַ קוק-טהאָן אין דעם געביעט פון ווירטשאַפטליכען לעבען פון די יודען — אַ געביעט, וואָס איז פאַר איהם געפעהרליך*).

---

4) מערעס „Наше Слово„ № 1 Объед. бунда съ Р. С. Д. Р. П.

*) אנמערקונג. לאמיר אגב בעמערקען דעם איינציגען פּרינציפּ צו ערקלערען די נאציאנאל-קולטורעלע אויטאנאמיע אויפ׳ן מאטעריאליסטישען אופן, וואס ה׳ פ. הײַלינמאן האט זיך אונטערגענומען אין „Наше слово„ № 3. דינס ה׳ הײַלינגמאן ווילט זיך בעווייזען, דאס די נאציאנאלע אידעע אפילו ווען עס פעהלט ווירטשאפטליכע זעלבסטשטענדיגקייט, איז ניט א בלויזע אידעאלאגיע, וואס האט ניט קיין שום עקאנאמישען באזיס". ה׳ הײַליגמאן, ווי אויך זיינע איבעריגע חברים, פערשטעהט א זעלבסטשטענדיגע ווירטשאפט אין דעם זין פון אנ׳אבגעשלאסענען עקאנאמישען גאנצען, וואס איז גאר ניט אבהענגיג פון אנדערע ווירטשאפטען. מיר זאגען, דאס נאר אין דער קאפיטאליסטישער ארדנונג ערשיינט א נאציאנאלע ווירטשאפט און, דעריבער, ליעגט שוין אין דעם בעגריף „נאציאנאלע ווירטשאפט" א גרעסערע אדער קלענערע אבהענגיגקייט פון נאציאנאל-ווירטשאפטליכע ארגאניזמען. מיר זאגען, דאס דער בעגריף „אבגעשלאסענע נאציאנאלע ווירטשאפט" איז א גרויסער ווידערשפּרוך, וויייל וויבאלד די בעטרעפענדע געזעלשאפט איז אפגעשלאסען, אפגעזאמט פון אנדערע געזעלשאפטען, איז זי ניט קיין נאציאן אין מאדערנעם זין פונ׳ם

דאָס דער יודישער פּראָלעטאַריאַט געהט־אַריין און די נאַציאָנאַלע סביבה — איז פאַר'ן בונד קיין שום ספק ניט געווען. נאָר אַנשטאָט דעם, וואָס ער האָט געדאַרפט קוקען אויף אונז, ווי אויף אַ יודישען פּראָלעטאַריאַט, און ניט, ווי די פּ. קוקט אויף אונז, ווי אויף פּראָלעטאַריער־יודען, דאָס הייסט אַנשטאָט דעם, וואָס ער האָט געדאַרפט אָנווייזען אויף די אייגענאַרטיגע סאָציאַל־עקאָנאָמישע בעדינגונגען פון יודישען פאָלק בכלל און פון יודישען פּראָלעטאַריאַט בפרט, — און דאָס וואָלט דאָך געהייסען שטעלען־זיך אויף אונזער שטאַנדפּונקט, — פלעגט דער בונד אָנהייבען מיט דער אייגענאַרטיגער פּסיכאָלאָגיע פון די יודען און דערמיט פלעגט ער ענדיגען. די פּ. טענה'ט, דאָס ווען עס וועט פאַלען די יודישע „טשערטאַ" וועט אויך בטל ווערען דער אייגענאַרטיגער טיפּ פון די יודען. דאָ האָט דער בונד געדאַרפט בעווייזען, דאָס דער יודישער פּראָלעטאַריאַט וועט ווייטער אויך זיין אָבהענגיג פון דער יודישער פּראָדוקציאָן, וועט ווייטער אויך בילדען אַנ'אייגענאַרטיגע עקאָנאָמישע קאַטעגאָריע אינם אייגענאַרטיגען ווירטשאַפטליכען אָרגאַניזם. נאַטירליך, דערמיט וואָלט זיך דער בונד אַליין מבטל געווען, נאָר פונדעסטוועגען וואָלט די פּ. דאַן אָנגעטראָפען אַ בעגרינדעטע אַרגומענטאַציע, וועלכע שטיצט־זיך ניט אויף סובּיעקטיווע איבערלעגונגען, אין וועלכע די פּ. מעג דאָך זיין

---

וואָרט. א אבגעזאָנדערטע, אבגעשלאָסענע געזעלשאַפט קאן זיין נאר א פאטריארכאלישע אדער א נעמי־נדע ווירטשאפט, ד. ה. דאס פאלק מוז זיין צוברעקעלט אויף קליינע אבגעזונדערטע ווירטשאפטס־גרופען. נאר אינ'ם קאפיטאליזירונגספראצעס גיסען־זיך צונויף אם די אלע איינזאמע קליינע גריפען, וואס געפינען־זיך אינעווייניג אין פאלק אדער אין שבט—אין איין אלגעמיינע ווירטשאפט, וועלכע נעהמט־ארום דאס גאנצע פאלק, וואס ווערט דורך דעם א מאדערנע נאציאן, און אויף אזא'נ'אופן קומט־ארויס א נאציאנאלע ווירט־שאפט. פון דער אנדער זייט, וויבאלד די נאציאנאלע ווירטשאפט מיט איהר עקזיס־טירען אליין בעווייזט אונז שוין, דאס ס'זענען פאראן קאפיטאליסטישע פערהעלטניסען צווישען די נאציאנען, שטאמט שוין דערפון ממילא די נאציאנאלע קאנקורענץ. די נאציאנאלע קאנקורענץ שטאמט, אויף אזא אופן, פון דער עקזיסטענץ פון דער נאציאנאלער ווירטשאפט. דאס וואס די בעטרעפענדע נאציע פערברייטער'ט אלץ איהרע טעטיגקייטס־ספערען אויפ'ן חשבון פון דער ווירטשאפט פון אנ'אנדער נאציע, רופט עס ארויס א שאוויניסטישע פאליטיק ביי דער ערשטער און א נאציאנאלע בעפרייאונגס־אידעאלאגיע ביי דער צווייטער נאציע, און דאס קומט־פאר ניט „אין דעם רעזולטאט, ווען ס'ווערען צושטערט די נאציאנאל־ווירטשאפטליכע ארגאניזמען — ווי ס'חלומ'ט־זיך דעם ה' היילינמאן, נים דעמאלט, ווען עס צופאלט די נאציאנאלע ווירטשאפט, נאר אדרבא, דאן ווען זי פערשטארקט־זיך, ווען זי וואכסט־אויס. יעטווידער נאציאנאלע ווירטשאפט ווען זי שטרעבט ברייטער צו

מספּק, נאָר אויף אָביעקטיווע, ממשות'דיגע ווירטשאַפטליכע ענט-
וויקלונג. אַט דערפאַר האָט די פּאַרטיי ניט אַנערקענט און ניט גע-
קענט אַנערקענען דעם בונד; אַט דערפאַר האָבען-זיך די פּאַרטיי-
ניקעס ניט אָבגערופען אויף ה' ליבער'ס רייד, דאָס זיי זאָלען בע-
טראַכטען און לעזען די פראַגע וועגען בונד אונאָבהענגיג פון אַנ-
דערע פּאַרטייען". דער בונד האָט טאַקי ריכטיג בעמערקט די איי-
גענאַרטיגקייט פון דער יודישער נאַציאָנאַלער סביבה, אָבער
ער האָט איגנאָרירט איהר נאַציאָנאַלען יסוד. און דערפאַר, זענענ-
דיג גערעכט פונ'ם שטאַנדפּונקט פון אָביעקטיווען גאַנג פון
דעם יודישען לעבען, האָט דער בונד ווידערשפּראָכען זיין סוב-
יעקטיווען בליק אויף די יודישע עקאָנאָמיק. און אויף וויפיעל
ה' ליטווינאָוו איז ארויסגעגאַנגען פונ'ם בונדיסטישען בליק אויף די
נאָרמאַליטעט פון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג פון יודישען פּראָ-
לעטאַריאַט, אויף אַזוי פיעל איז ער פאָלקאָם גערעכט ווען ער
זאָגט, דאָס „דער בונד און דער יודישער פּראָלעטאַריאַט — דאָס
זענען צוויי פערשיעדענע זאַכען" [5].

דעם בונד'ס מפּלה האָט קלאָר בעוויזען ווי באָרענלאָז עס
איז געווען יענע נייטראַלע פּאָזיציע, וועלכע דער בונד האָט פער-
נומען אין דער פראַגע וועגען די היסטאָרישע ריכטונג פון יודישען
פאָלק. די ווירקליכקייט האָט אָהן רחמנות צושמעטערט זיינע אי-

---

מאכען איהרע גרענצען, קאָן זי דאס מהאן נאר אויפ'ן חשבון פון אנ'אנדער נאציאנאלע
ווירטשאפט — און אט דערפון קומט ארויס א נאציאנאלער קאמפף אויפ'ן וועלט מארק
א קאמפף, וועלכער נעהמט אן א שארפע פאָרם אין א נאציאנאליטעטען-שטאאט, וואו
די נאציעס זענען געווען בעשיצט דורך פאליטישע אונאבהענגינקייט. די נאציע
שטרעבט אריינצורייסען זיך אין אפרעמדען ארגאניזם, אבער
זי בגגעגענט א ווידערשטאנד — דאס איז די כאראקטעריסטיק פון נאציאנאלע
קאנקורענץ און קאמפף. שלעכט געהט עס נאר יענעם פאלק, וועלכע קאָן זיך ניט
שטיצען אויף זיינע עקאנאמישע קרעפטען, ד. ה. וועלכע האט ניט קיין נאציאנאלע
ווירטשאפט. אזא פאלק איז דאס יודישע. ווי א פאלק, וואס שטיצט זיך ניט אויף
דער מאכט פון זיין ארגאניזירטער ווירטשאפט, איז עס געצוואונגען אבצוטרעטען פון
קאמפפס פלאץ. — יא, עס וואלט שוין לאנג געווען צייט אז אונזערע בעגנער זאלען
געהן אויספרובען זייערע כחות אין אנ'אנדער געביעט. אין דעם געביעט פון דער
יודישער ווירקליכקייט האבען זיי קיין מזל ניט...

5) ה' ליטווינאָוו Наше слово №8 Объед. съѣздъ Р. С. Д. Р. П.
מאטיווירט זיינע רייד דערמיט, וואס „דער יודישער פּראלעטאריאט נעהמט אריין אין
אלע אונזערע (די פּארטיינע) ארגאניזאציעס, וועלכע געפינען זיך אין דעם טעטיגקייטס
ראיאן פון בונד" א. א. וו. זייטע 43.

לוזיעס דערמיט, וואָס זי האָט איהם אָפּען בעוויזען, אַז זיצען
אויף צוויי שטוהלען איז בשום אופן ניט מעגליך. די „פּאַרטייניקעס"
האָבען געהאַלטען פאַר געוויס, דאָס וויבאַלד די יודישע מאַסען
ענטוויקלען=זיך און וועלען ווייטער אויך זיך ענטוויקלען נאָרמאַל,
ניט האָבענדיג אפילו קיין דמיון פון אַ זעלבסטשטענדיגער עקאָנאָ=
מישער באַזע, אפילו ניט קיין סוראָגאַטען פון אַ טעריטאָריע, וועלען
זיי זיך מוזען אַסימילירען. און דאָס לעבען, דוכט=זיך אין פלוג,
בעשטעטיגט זייער אַנזיכט אויף די יודישע בעפעלקערונג פון רוס=
לאַנד. אָרגאַניזאַציעס פון דער פּ. האָבען=זיך פערשפּרייט כמעט
איבער אַלע שטעדט וואו יודען וואוינען, זיי רייסען=זיך אַריין אין
די יודיש=פּראָלעטאַרישע סביבה, אַריינטראָגענדיג אָפט=מאָל אַ צו-
שפּאַלטונג אין בונד. דאָס אַלעס בעשטעטיגט, נאָך דער מיינונג
פון די „פּאַרטייניקעס", זייער ענטוויקלונגס=פּראָגנאָז פון די יודישע
מאַסען. נעהמענדיג אין בעטראַכט, דאָס איהרע אָרגאַניזאַציעס
מעהרען=זיך צווישען דער יודישער יוגענד, איז די פּ. געוועזען פער=
זיכערט, אַז די פּאָליטישע בעפרייאונג פון די יודען אין גלות ברענגט
דערצו, דאָס עס וועט שוין אינגאַנצען ניט נויטיג זיין
אַ זעלבסטשטענדיגע אָרגאַניזאַציע פון יודישען
פּראָלעטאַריאַט. און דער בונד האָט גיט געהאַט מיט וואָס צו
בעשיצען זיין פּאָזיציע. זיין ראָלע אין׳ם קאַמפּף מיט דער פּאַרטיי
איז געוועזען אונבעדייטענד. ער האָט זיך ניט געקאָנט שטיצען אויף
די לעבענס=בעדערפנישען פון די יודישע אַרבייטער=מאַסען, אויף
זייערע סאָציאַלע פּראָדערונגען און היסטאָרישע פּראָבלעמען, ווייל
דאָס האָט ער ניט אַנערקענט, ווייל אַזוינס אַנערקענען—הייסט
מבטל=זיין דעם בונד. זיינע פּחדנישע קינות=זאָגערישען און גוואַלט=
מאַכען וועגען דער יודישער רעכטלאָזיגקייט אָדער וועגען די פּאָ=
גראָמען האָבען, נאַטירליך, ניט געקאָנט איבערצייגען די פּ. אַז
ס׳מוז עקסיסטירען אַ בעזונדערע יודישע אַרבייטער=פּאַרטיי. ווייל
דער בונד איז דאָך מודה צו דער פּאַרטיי אין דעם, אַז אָט דיזע
רעכטלאָזיגקייט און פּאָגראָמען זענען נאָר אַ צייטליכע, פערבייגע=
הענדע ערשיינונג. טאָ ווי זשע אָבער בויט מען אַ כאַציאַל=דעמאָ=
קראַטיע אויף ריין צייטליכע בעדערפנישען? דערצו אַנערקענט נאָך
דער בונד אַליין, אַז דיזע בעדערפנישען ווערען פאָלשטענדיג
בעפריעדיגט מיט דער בעפרייאונג פון רוסלאַנד בכלל. אויף וואָס=

זשע דאַרף מען דאָ אַ בעזונדערע יודישע פאַרטיי, וועלכע זאָל זיך שטיצען אויף אַזעלכע פאָדערונגען, וועלכע ווערען ממילא בעפריעדיגט מיט דער לעזונג פון דער „אַלגעמיינער" פראַגע? און ווידער, בויט מען דען בכלל אַ ס. ד.-יע אויף יסודות פון נעגאַטיווע פאָדערונגען, ווי רעכטלאָזיגקייט און פאָגראָמען? מיר מיינען, אַז יעדער דענקענדער ס.-ד. וועט דערויף ענטפערען: ניין! און ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין בעגרינדעטע היסטאָרישע אויפגאַבען, איז דער בונד געשטעלט געוואָרען לגבי דער פאַרטיי אין דער לאַגע פונ'ם „קליענט"[6]) ביי די אַלט-רוימישע פאַטריציער. ניט געפאָדערט האָט ער, נאָר געבעטען רחמים, די פאַרטיי זאָל זיך דערמאָנען אָן זיינע „זכיות", וועלכע זענען איבערהויפט בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אַזוי „העלדיש" געקעמפפט מיט'ן ציוניזם. דער בונד האָט דעריבער בשום אופן ניט געקאָנט פערשטעהן, פאַרוואָס די פ. פערהאַלט-זיך צו איהם אַזוי אונסימפאַטיש. די סבה האָט ער ניט געזוכט אין דעם, וואָס ער האָט ניט קיין באָדען אונטער די פיס, נאָר אין דעם בייזען ווילען פון פערשיעדענע אַסימילאַטאָרען, וועלכע געפינען-זיך אין דער מהנה פון די „פאַרטייניקעם". אין איין אָרט זאָגט ה' מעדעם: „מיר קאָנען מיט זיכערהייט בעהויפטען, דאָס דער שטרייט פון בונד מיט דער רוסלענדער פאַרטיי איז אין אַ געוויסער מאָס אַנ'אויסדרוק פון דעם קאַמפף, וועלכער קומט-פאַר צווישען פערשיעדענע שטרעמונגען אין יודענטום. איינע פון אָט די שטרעמונגען שטעלט-פאָר דער בונד, אַ צווייטע שטרעמונג — אַנ'אַסימילאַטאָרישע — פערדעקט-זיך מיט'ן שילד פון דער ר. ס.-ד. א.-פ.. דאָס איז אַ יודישע פריוואַט זאַך, און כל זמן דאָס וועט ניט, אויף דעם אָדער יענעם אופן, ליקווידירט ווערען, וועלען אונזערע האַמפערייען מיט דיזער פאַרטיי קיינמאָל ניט אינגאַנצען פערשווינדען"[7]) (*).

---

6) קליענט: אזעלכער, וואס איז געשטאנען אונטער'ן שוץ פון די פאטריציער אין דער אלט-רוימישער אימפעריע.

7) Наше Слово № 3 стр. 22

*) אנמערקונג. דעם אויסדריק „אויף דעם אדער יענעם אופן" דארף מען, אוודאי, ניט פערשטעהן אין דעם זין, דאס די האמפערייען צווישען בונד און דער פ. וועלען פערשווינדען אדער ווען די אסימילאטארישע שטרעמונג אין יודענטום

מען דאַרף, פונדעסטוועגען, זיין גענוג פּאָליטיש נאַאיוו כדי אָבצוזאָגען, דאָס אין די פראַגען וועגען פעראייניגען זיך מיט דער פּ., אָדער די פּ. זאָל נאָכגעבען — קאָן אַ ראָלע שפּיעלען דער בייזער ווילען פון די אָדער יענע אַסימילאַטאָרען. נאַטירליך, די אַסימילאַטאָרען האָבען אויך, בלי ספק, ניט דערלאָזען די פּאַרטיי זי זאָל נאָכגעבען דעם בונד. נאָר אָט די אַלע סטאַראַניעס פון די אַסימילאַטאָרען האָבען געקאָנט האָבען אַ כח נאָר אַ דאַנק דער אָביעקטיווער און סוביעקטיווער שוואַכקייט פון בונד, נאָר אַ דאַנק זיין טעאָרעטישער באָדענלאָזיגקייט און פּאַקטישער אָהנמעכטיגקייט. דער בונד האָט תמיד זיך געווענדעט צום פערשטאַנד, צו דער לאָגיק, בכלל צו די גייסטיגע אייגענשאַפטען פון די פּאַרטייניקעס. דער בונד האָט זיך ניט געהאַלטען און ניט געקאָנט זיך האַלטען אָן דעם גאָלדענעם כלל פון חכמת הפּאָליטיק, אַז סוף־כל־סוף איז דער כח מכריע אין אַזעלכע פראַגען. דאָס דאַרף מען ניט פערשטעהן אין דעם זין פון פיזישען צווינגען, אין זין פון וואַרפען אַנ'אימה אויפ'ן געגנער. אַזאַ מין לעזונג פון שטרייט־פראַגען האָט בכלל ניט אַלעמאָל אַ גוטען סוף, און אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער וועלט קאָן גאָר קיין רייד דערפון ניט זיין. דער כח ערשיינט דאָ אין אַ אַנדרער הינזיכט — אין דעם פעסטען און דרייסטען פאָדערען פון רעכטע. אָבער די בונדאָווסקע פעלד־

וועט מנצח־זיין, אדער ווען עס וועט מנצח־זיין די נאַציאנאלע שטרעמונג. ווי ס'ווייזט אויס, איז ה' מעדעם פערזיכערט, אז מנצח־זיין וועט די נאַציאנאלע שטרעמונג. אגנעהמען דעם היפך דערפון — איז לאגיש ניט מעגליך. אויב מ'זאל אננעהמען, דאס די אסימילאציע וועט גובר־זיין, דאן וועט די בעה יפּבונג, אז דורכדעם וועלען פערשווינדען די האמפּעריעען פון בונד מיט דער פּארטיי, סותר־זיין זיך אליין, ווייל דאן וואלט דאך קיין בונד מעהר ניט עקסיסטירען. הייסט עס, קאָן מען רעכענען, — און דאס זעהט מען ארויס דייטליך פון אלע זיינע ארטיקלען, — אז ה' מעדעם איז משער, דאס די נאַציאנאלע שטרעמונג וועט מנצח־זיין. דערפון קאנען מיר אבלערנען צוויי זאכען. ערשטענס, אז די בונדאווצעס, בעת זיי האמפּערען זיך מיט דער פּ. ווארפען זיי און זייער פּראָדיציאנעלען „ווייס איך!", מיט וועלכען זיי בענוצען־זיך בעת עס ווערט בעהאנדעלט די פראגע וועגען אסימילאטארישע אדער נאַציאנאלע טענדענצען פ־ן די יודישע מאסען, און לאזען נאר איבער זייער „נייטראליטעט" אין דיזען געביעט פאר דער פּאלעמיק מיט אונז. צווייטענס, אפילו אויב די נאַציאנאלע שטרעמונג וועט מנצח־זיין — און אין דעם זענען מיר פעסט איבערצייגט — מוז אלץ „דער בונד געהן קאפּוט", ווייל דער נצחון פון דער נאַציאנאלער שטרעמונג איז א רעזולטאט דערפון, וואס עס שטארקען־זיך די נאַציאנאלע קאנפליקטען, און די פערשטארקונג פון די נאַציאנאלע קאנפליקטען ברענגט צו אלע יענע אונגארמאליטעטען אין דעם לעבען פון די יודישע מאסען, וואס דער ענטפער אויף זיי איז אונזער פּראגראם, דאס פּראגראם פון פּ. צ.

מארשאלען, טראגענדיג אין דער טיעפעניס פון זייער הארצען אסימילאטארישע כונות, האבען ניט ארויסגעוויזען דיזע מאראלישע קראפט און דעם מוטה וואס איז נויטיג דערצו. דעריבער האט די פ. אבגעשאצט דעם בונד נאך איהר אייגענער השגה, נאך איהר אייגענעם שטאנדפונקט. און אט דיזע אבשאצונג האט ניט געקאנט אראבוועגען די שאל אויפן בונד'ס זייט. דאס איז געשעהן איבער דריי סבות:

---

## II

די ערשטע סבה איז די פערהעלטניסמעסיגע שוואכקייט פון דעם יודישען פראלעטאריאט. אין דיזער ערשיינונג בעמערקען מיר צוויי זייטען. זעהר אפט וויזען מיר אן און בעטאנען די אוננארמאלע לאגע פון די יודישע מאסען בכלל און די אוננארמאלע סטראטעגישע באזע, וועלכע איז ניט פעהיג צו בעפרידיגען דעם יודישען אקטיווען קעמפפענדען פראלעטאריאט בפרט. דערווייטערט פון די גרונד=נערווען פון ווירטשאפטליכען ארגאניזם, געפינענדיג=זיך נאר אין די ספערען פון קליין און צום טייל מיטעל=פראדוקציאן, האט ניט דער יודישער ארבייטער=קלאס די אביעקטיווע מעגליכקייט ראדיקאל צו פערבעסערן זיין פאליטישע און מאטעריעלע לאגע, זיין סאציאלע סביבה. ער האט ניט אזויפיעל כח ער זאל קאנען זעלבסטשטענדיג אונטערהאלטען זיינע פאדערונגען, בעשיצען זיינע אינטערעסען. דארט, וואו זיינע אינטערעסען זענען פערשידען פון די אינטערעסען פון אנדערע פראלעטאריש=נאציאנאלע גרופען, האט ער ניט קיין גענוגענדע ווירקונג, קאן ער ניט געבען קיין געהעריגען דרוק אויפ'ן מלוכה'שען מעכאניזם. אין א נארמאלער צייט איז דער יודישער אוננארמאלער פראלעטאריאט ניט פעהיג גענוג און בעשטימט צו פערשטעהן זיין לאגע, ווייל זיין ווירטשאפטליכעם געביעט בכלל ענטהאלט ניט אין זיך קיין בעשטימטע אנגעוויזענע טענדענצען. פון סאציאל=היסטארישען שטאנדפונקט איז דער גלות=פראלעטאריאט אהנמעכטיג אין פאליטישען זין. דאס איז איין זייט פון דער ערשיינונג. און דערויף, אויפ'ן פאליטישען גורל פון יודישען פראלעטאריאט, האבען די בונדאווצעס אונז געענטפערט מיט'ן שענסטען מליצה=לשון — מיט שווייגען. דער בונד האט נאר אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און וויינענדיג מתפלל=געווען צו דער געטין פון דער אינטערנאציאנאלער סאלידאריטעט, זי זאל

שיקען סאָציאַל-עקאָנאָמישע „גנאָד און לייטזעליגקייט" אויף די יודישע מאַסען...

די צווייטע זייט פון דער ערשיינונג בעשטעהט אין דעם פּראָפּאָרציאָנעלען אָנטייל, וועלכען דער יודישער פּראָלעטאַריאַט, אַלס אַזעלכער, אַלס אַ נאַציאָנאַל-ווירטשאַפטליכע קאַטעגאָריע נעהמט אין דער אַלגעמיין-פּראָלעטאַרישער בעוועגונג. ס'איז זעלבסט-פערשטענדליך, דאָס פון מאַטעמאַטישען שטאַנדפּונקט דאַרף די פּאָליטישע ראָלע פון דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט אין דער אַלגעמיינער רעוואָלוציע ענטשפּרעכען זיין עקאָנאָמישע ראָלע, ד. ה. זיין פּאָליטישע ראָלע קאָן ניט זיין בעזונדערס וויכטיג. נאָר דאָס לעבען איז ניט קיין מאַטעמאַטישע טאַבעליצע, און פּאָראויס אויסרעכענען די אָנטייל-מדרגה פון יעטווידער אַרבייטער-קאָרפּוס אין דער אַלגעמיין-פּראָלעטאַרישער אַרמעע איז ניט קיין לייכטע זאַך. וואו עס קומט-פאָר אַ מלחמה צווישען צוויי ריעזען קאָן אָפטמאָל אַפילו אַ קאַרליק, מיט זיין שוואַכינקען כח אין אַ געוועהנליכער צייט, ענטשיידען דעם סוף פון דער מלחמה. אין דיזען זין קאָן מען ניט גענוי פּאָראויס בעצייכנען די פּרוכט פון דעם אָנטייל-נעהמען פון'ם יודישען רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט. אין אַ שטורמדיגע, רעוואָלוציאָנערע צייט קאָן מען בכלל ניט אויסמעסטען גענוי די אָנטייל-מדרגה פון דער אָדער יענער גרופּע. ווער קאָן עס מיט גענויאיגקייט אָבמעסטען די ראָלע פון דעם פּראָלעטאַריאַט, פּויערטום און פון די בורזשואַזע עלעמענטען אין דער איצטיגער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד? פונדעסטוועגען, ווען מיר זאָלען נעהמען אין בעטראַכט די געגענזייטיגע אָבהענגיגקייט פון די דאָזיגע אָפּאָזיציאָנעלע געזעלשאַפטליכע עלעמענטען, קאָן מען בערך אויסרעכענען די מדרגה פון דעם כח און אָנטייל-נעהמען פון יעדער גרופּע. ס'איז קיין ספק ניט, דאָס ביי היינטיגער בעוואָפנונגס-טעכניק און ביי דער קאַפּיטאַליסטישער מאַכט, וועלכע קאָנצענטרירט דעם לעבענס-פּולס אין די שטעדט, איז דאָס פּויערטום אַליין, אַלס אַ זעלבסטשטענדיגע אָפּאָזיציאָנעלע אָדער רעוואָלוציאָנערע גרופּע, צושוואַך אָהן דעם שטאָדטיגען פּראָלעטאַריאַט. דאָסזעלבע ווידער ווען מען בעטראַכט די שטאַרקייט אין צאָהל פון דעם רוסישען פּויערטום, קענען מיר זאָגען, דאָס דער שטאָדטיגער פּראָלעטאַריאַט איז שוואַך אָהן דעם געזעלשאַפטליכען אַגראַר-עלעמענט. די

בּוּרזשוּאַזִיעֶ אָהן דֶעם פּרָאָלֶעטַאריאַט אוּן פּוֹיעֶרטוּם אִיז לגמרי אָהימֶעכטִיג, בּעֵת דֶער פּרָאָלֶעטַאריאַט צוּזאַמֶען מִיט׳ן פּוֹיעֶרטוּם קאָנֶען זִיךְ בּאֶגעֶהן אָהן דֶער בּוּרזשוּאַזִיעֶ; דִי בּוּרזשוּאַזִיעֶ אִינאֵיינֶעם מִיט׳ן פּוֹיעֶרטוּם אָהן דֶעם פּרָאָלֶעטַאריאַט זֶענֶען זֶעהר שוואַך; דֶער פּרָאָלֶעטַאריאַט מִיט דֶער בּוּרזשוּאַזִיעֶ אָהן דֶעם פּוֹיעֶרטוּם זֶענֶען אוֹיךְ שוואַך, אָבֶּער דָאס פּוֹיעֶרטוּם מִיט׳ן פּרָאָלֶעטַאריאַט צוּזאַמֶען אָהן דֶער בּוּרזשוּאַזִיעֶ זֶענֶען גאַנץ גֶענוּג שטאַרק, כדי דִי רֶעוואָלוּציעֶ זאָל האָבֶּען אִיהר עֶרפאָלג. מִיט אַזאַ אוֹיסרעֶכנוּנג קאָנֶען מִיר אִין אַ געֶוויסֶער מאָס בּעֶשטִימט זאָגֶען, אַז צ. ב. דִי בּוּרזשוּאַזִיעֶ אִיז פאַר דֶער רֶעוואָלוּצִיעֶ נִיט אַזוֹי וויכטִיג, ווִי אַ ווֶעלכֶע־נִיט־אִיז אַנדֶערֶע גרוּפּעֶ. בּנוֹגע צוּם יוּדִישֶען פּרָאָלֶעטַאריאַט אִיז דִי אוֹיסרעֶכנוּנג נאָךְ לַייכטֶער. דִי יוּדִישֶע אַ־בַּייטֶער זֶענֶען אַ מאַנוּפאַקטיר־האַנדווֶערקֶער־פּרָאָלֶעטַאריאַט אוּן זֶענֶענדִיג צוּזַייהט קאָן עֶר בּכלל נִיט אַרוֹיסווַייזֶען זַיין אַקטִיווֶען אָנטַייל, אַלס אַ בּעֶזוּנדֶערֶע (הגם נִיט אָבּגעֶזוּנדֶערט, אִיזאָלִירט פוּן דֶער נִיט־יוּדִישֶער בּעֶפֶעלקֶערוּנג) גרוּפּעֶ. דִי יוּדֶען, ווֶען זַיי נעֶהמֶען אָנטַייל אִין דֶער רֶעוואָלוּציעֶ אוֹיף דִי טֶערִיטאָריעֶס, ווֶעלכֶע זֶענֶען בּעֶזֶעצט מִיט אַ מֶעהרהַייט פוּן נִיט־יוּדֶען, פֶערלִירֶען זִיךְ אַלס אַ בּעֶזוּנדֶערֶע נאַציאָנאַלֶע גרוּפּעֶ. דִי פּוֹילִישֶע אוּן דִי לעֶטִישֶע בּעֶוועֶגוּנג אִיז שאַרף נוֹבר געֶוועֶן אוֹיף דֶער בּימה פוּן דֶעם רוּסלֶענדִישֶען געֶזֶעלשאַפטלִיכֶען לֶעבֶּען. דָאס קאָן מֶען, אָבֶּער, נִיט זאָגֶען בּנוֹגע צוּ דֶער יוּדִישֶער בּעֶוועֶגוּנג. אַחוּץ דֶעם, אִין אַזעֶלכֶע מאָמֶענטֶען, ווֶען ס׳קוּמֶען־פאָר מאַסֶענאַרוֹיסטרעֶטוּנגֶען בּיַים פּרָאָלֶעטַאריאַט, ווִי אִין דִי „אָקטאָבֶּער־טֶעג", אִיז דֶער יוּדִישֶער פּרָאָלֶעטַאריאַט אִינגאַנצֶען נִיט ניכר, עֶר בּלַייבּט עֶרגעֶץ אָן אַ זַייט, הִינטֶער דֶער קֶעמפּפֶענדֶער אַרמעֶע. מִיר רֶעכֶענֶען, אַז דָאס אַלֵיין אִיז שוֹין גֶענוּג, אוּם אָבּצוּשאַצֶען בּעֶרךְ דִי פּאָלִיטִישֶע מאַכט פוּנ׳ם יוּדִישֶען פּרָאָלֶעטַאריאַט. זעֶלבּסטפעֶרשטֶענדלִיךְ, דֶער פּוֹילִישֶער אָדֶער לעֶטִישֶער אָדֶער דֶער קאַווקאַזֶער פּרָאָלֶעטַאריאַט, ווֶען מֶען זאָל נעֶהמֶען יעֶדֶערן בּעֶזוּנדֶער, — אִיז אוֹיךְ אִינגאַנצֶען שוואַך. כדי דִי רֶעוואָלוּציעֶ זאָל קאָנֶען געֵהן מִיט עֶרפאָלג פאָדֶערט־זִיךְ אַ פֶערְאֵייניגוּנג פוּן אַלֶע פּרָאָלֶעטַארִישֶע קרֶעפטֶען. נאָר ווֶען מִיר וואַרפֶען אַ בּלִיק אוֹיף דִי בּעֶדַייטוּנג פוּן אַ טֶערִיטאָריאַלֶען פּרָאָלֶעטַאריאַט, וואָס אִיז אַזוֹי ניכר, אוּן בּעֶמֶערקֶען נִיט דָאס אֵייגֶענֶע בּיַים יוּדִישֶען עֶקס־טֶערִיטאָריאַלֶען פּרָאָלֶעטַאריאַט, קוּמֶען מִיר צוּם בּעֶשלוּס, אַז דֶער לעֶצטֶער

האָט גאָר קײן בעדײַטונג ניט. מיר פערגלײַכען דעם יודישען פּראָ=לעטאַריאַט ניט מיט דער גאַנצער פּראָלעטאַרישער אַרמעע פונ'ם לאַנד, נאָר מיט איין טעריטאָריאַלע=פּראָלעטאַרישער מחנה; ניט אַ חלק מיט דעם גאַנצען, נאָר אַ חלק מיט אַ חלק. און בײַ אַזאַ פערגלײַכונג זעהט מען קלאָר אַרויס די לאַגע פונ'ם יודישען פּראָלע=טאַריאַט. פערשטעהט=זיך, ווען מיר זאָלען אָבשאַצען די ראָלע פון איין פּראָלעטאַרישען קאָרפּוס לויט די רעזולטאַטען פון זיין טעטיג=קייט, דאַן וואָלטען מיר לײַכט אַראָבגעגאַנגען פון ריכטיגען וועג, מיר וואָלטען דאַרפען, למשל, זאָגען, אַז דער מאָסקווער פּראָלעטאַריאַט האָט מיט זיין אויפשטאַנד קײן שום זאַך ניט אויפגעטהאָן, ער האָט אפשר נאָך שאָדען געבראַכט דערמיט, וואָס ער האָט ערשיטערט די כחות פון די אַרבײַטער. מען דאַרף אָבשאַצען ניט נאָך די רעזול=טאַטען, נאָר לויט דער מעגליכקייט וואָס=עס=איז אויפצוטהאָן, אין פערגלײַך מיט אַן'אַנדער טייל — בײַ גלײַכע אַלגעמײַנע בעדינגונגען — און לויט דעם אַרויסווײַזען=זיך פון די קרעפטען.

אויף אַזאַ'נ'אופן האָט דער יודישער פּראָלעטאַריאַט בכלל פאָרגעשטעלט פאַר דער פּאַרטײַ אַ קלענערען פּאָליטישען ווערט, איידער אַן'אַנדערער ניט=יודישער פּראָלעטאַריאַט, און אָט דערינען ליעגט איינע פון די סבות, וועלכע ערקלערען די עקשנות פון דער פּאַרטײַ אין איהר קאַמפף געגען בונד. נאָר פון דעסטוועגען, אויב דער יודישער פּראָלעטאַריאַט, אַלס אַ נאַציאָנאַל=קאָנאָמישע קאַטע=גאָריע, שפּיעלט ניט קײן שום מעהר אָדער ווייניגער בעדײַטענדע ראָלע, דאָך, אַלס מענשען, וועלכע זענען צוזײַהט און ווערען צונויפגעמישט מיט דער אַלגעמײַנער מאַסע און רעוואָלוציאָנער געשטימט, — ברענגען די יודען=אַרבײַטער זעהר אַ גרויסען נוצען דערמיט, וואָס זיי זענען אויפקלערער און אָרגאַניזאַטאָרען. הייסט עס, אַזאַ עלעמענט איז דער פּ. זעהר געפעלען, זעהר ווינשבאַר. פאַרוואָס=זשע האָט זי דעם בונד ניט בעפּריוויגט? דאָס איז געוועזען דערפאַר, ווייל טאַקי אָט דיזע מעלה פון דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט האָט געדיענט דער פּאַרטײַ אַלס אַן'אַרגומענט אין איהר פּאָלעמיק מיט'ן בונד. דאָס איז די צווייטע סבה, וועלכע האָט מבטל=געוועזען דעם בונד אין די אויגען פון דער פּ. אויב די יודען זענען נוציג אַלס אויפקלערער און קולטורטרעגער פערשטעהט=

זיך, אַז אָבּרײַסעֶן זײַ פון די „אַלגעֶמײַנעֶ" מאַסעֶן, אַז יעֶטווידעֶר אָרגאַניזאַציאָנעֶ איזאָלירונג פון זײַ שטעֶרט די יודעֶן פון צו אַרבּײַ־טעֶן צווישעֶן נית־יודעֶן; הײַסט עֶס, לויט דעֶר מײַנונג פון פּ., דאָס בּרעֶנגט אַ שאָדעֶן דעֶם עֶרפאָלג פון דעֶר רעֶוואָלוציעֶ. „די אויפקלעֶרעֶנדעֶ און אָרגאַניזאַטאָרישעֶ טעֶטיגקײַט פון בּונד — זאָגט אַ בּונדאָװעֶץ אין „Наше Слово" — האָט איצט, ווי אויך פריהעֶר, אַ גרויסעֶ פּאָליטישעֶ בּעֶדײַטונג. כל־זמן דיזעֶ טעֶטיגקײַט וועֶט עֶקסיסטירעֶן, וועֶט אַלץ דעֶר בּונד בּלײַבּעֶן בּײַ זײַן פּאָליטישעֶר בּעֶדײַטונג" 8). ה' זעֶלצעֶר אַלײַן איז מודה, דאָס „ס'איז קײַן שום ספק נימאָ, דאָס די אָהן אַ צאָהל פון אויסעֶן גלעֶנצעֶנדעֶ עֶפּיזאָדעֶן, מיט וועֶלכעֶ ס'איז אַזוי רײַך געֶוועֶן דעֶר פּעֶרגאַנגעֶנעֶר רעֶוואָלוציאָנעֶרעֶר יאָהר, און אין וועֶלכעֶ ס'האָבּעֶן די עֶנטשײַדעֶנדעֶ ראָלעֶ געֶשפּילט די פּיעֶל־טויזעֶנדעֶ מאַסעֶן, די גאַס און די שטאַרקעֶ קולאַקעֶן, — אָט די עֶפּיזאָדעֶן האָבּעֶן פעֶרשטעֶלט דעֶם בּונד פון זײַטיגעֶ צוקוקעֶר. יעֶנעֶ אָרגאַניזאַציעֶ, וועֶלכעֶר אַלעֶ האָבּעֶן געֶ־צאָהלט אַ סך יאָהרעֶן נאָכאַנאַנד צינז פון בּעֶווונדעֶרונג, איז איצט אוועֶק אָן אַ זײַט, אויף די צווײַטעֶ שורה; די עֶרשטעֶ שורה, די אוואַנסצעֶנעֶ פון דעֶר געֶזעֶלשאַפטליכעֶר אויפמעֶרקזאַמקײַט, האָבּעֶן פעֶרנומעֶן די פײַעֶרפלאַמעֶדיגעֶ, מיט בּלוט בּעֶשפּריצטעֶ בּאַריקאַדעֶן פון מאָסקוועֶ" 9). א. צ. ו. און אין דעֶם גאַנצעֶן גראַנדיעֶזעֶן, אַלץ מעֶהר פונאַנדעֶרפליצעֶנדעֶן רעֶוואָלוציאָנס־ים גיעֶט עֶר אָבּ דעֶם בּונד אַ קלײַנעֶ, בּעֶשײַדעֶנעֶ ראָלעֶ — די ראָלעֶ פונ'ם „אויפקלעֶרעֶר" פון די יודישעֶ מאַסעֶן. און אַלעֶ פיהרעֶר פון בּונד בּעֶשטימעֶן איהם דיזעֶ ראָלעֶ. נאָר אין אומשטאַנד האָבּעֶן זײַ אַלעֶ נית געֶנומעֶן אין בּעֶטראַכט. אויבּ די אָרגאַניזירונגס־און „אויפקלעֶרונגס"־טעֶטיג־קײַט פון בּונד איז נוציג פאַר דעֶר רעֶוואָלוציעֶ, איז דאָס דאָך נאָר אויף אַזויפיעֶל, אויף וויפיעֶל די יודעֶן, וואָס זעֶנעֶן דורכ'ן בּונד „אויפגעֶקלעֶרט" און אָרגאַניזירט געֶוואָרעֶן, טראָגעֶן־פונאַנדעֶר דיזעֶ געֶקראָגעֶנעֶ אויפקלעֶרונג צווישעֶן אַלעֶ נית־יודישעֶ מאַסעֶן. דעֶר יודישעֶר פּראָלעֶטאַריאַט וועֶרט, אויף אַזאַ אופן, פּעֶרוואַנ־

---

8) ס זעלצער: „Наше Слово" № 3 къ вопросу объ объединеніи

9) Ibid.

דעלט אין א גרופע פון פראפעסיאנעלע רעוואלוציאנערען, אין א חברה אגיטאטארען. דער בונד איז ניט קיין דורכפיהרער פון סאציאל-דעמאקראטישע אידעען אין די יודישע מאסען, כדי דיזע אידעען זאלען ביי זיי גופא שוין בלייבען און מאכען זייער ווירקונג; ניין, די יודישע ארבייטער מאסען ווערען אינגאנצען פערוואנדעלט אין דורכפיהרער פון סאציאליסטישע אידעען אין די אלע קאנאלען פון דעם ניט-יודישען געזעלשאפטס-לעבען. אט דיזע בכבוד'יגע ראלע פון קולטור-טרעגער און מיסיאנערען, וואס האט געפאסט פאר אונזערע ברידער, זכרונם לברכה, די „משה רבנו'ס דייטשען", נעהמט פונדעסטוועגען אוועק פון בונד דאס רעכט צו עקסיסטירען, לויט דער אנזיכט פון די „פארטייניקעם", ווייל דער בונד ה א ל ט-א ב דעם יודישען פראלעטאריאט פון דער געווינשטער צונויפגיסונג, פון זיין נוציגער מיסיע. און אויב מען זאל נאך נעהמען אין בעטראכט דאס, וואס די פ. איז פערזיכערט, אז איהרע ארגאניזאציעס, וועלכע געפינען-זיך צווישען דער יודישער יוגענד, וועלען-זיך נאך מעהר פערשפרייטען, וועט מען זעהן קלאר, וואס פאר א פאליטישע בעדייטונג די פ. האט געקאנט געבען און האט געגעבען דעם בונד. אלזא, רעדען וועגען דעם, אז דער בונד זאל צווינגען די פ. „בעטראכטען און לעזען די פראגע וועגען בונד אונאבהענגיג פון אנדערע פארטייען" הייסט עס, ווי ה' זעלצער דריקט-זיך-אויס, פאכען-זיך מיט א פאפיער-ענעם שווערד. וואס מיר האבען אויבען געזאגט וויזט נאך קלערער ווערען, ווען מ'זאל בעטראכטען די בעדייטונג פון בונד ניט נאר אין א ו י ס ו ו ע נ י ג ס ט ע ן לעבען, נאר אויך אינעווענִיג, אין דעם לעבען פון די יודישע מאסען. „אמאל — זאגט ה' מעדעם — האט דער בונד פערנומען א גאנץ אויסנאהמליכע פאזיציע. אויפ'ן טונ-קעלען באדען פון פאליטישען לעבען בכלל און אויפ'ן טרויעריגען, גרויען באדען פון יודישען לעבען בפרט איז ער (דער בונד) אויסער-געוועהנליך שטארק ניכר געוועזען. אין דער רוסלענדער רעוואלוציע איז ער געוועזען דער אנפיהרענדער העלד, צייטענווייז דער אוואנגארד אהן אנ'ארמעע, אין יודענטום האט ער אזוי מעכטיג צוגעצויגען צו זיך די סימפאטיע פון אלעם, וואס לעבט נאר און וואס איז נאר ערליך. דאס איז געוועזען ביי איהם די עפאכע פון ווירקען און פערצויבערן, די העלדען-עפאכע אין דער היסטאריע

פון בונד"[10]). אין די ציטירטע שורות איז פאַראַן אפילו אַ סך בעריהמעריי, אַ סך גוזמות, נאָר בכלל איז אין זיי אויסגעדריקט אַ גרויסער טייל אמת. וואָס=זשע האָט=זיך אויסגעלאָזען? וואָס פאַר אַ ראָלע האָט דער בונד געשפּיעלט אין דער געזעל=שאַפט — דאָס ווייסען מיר שוין פון די אויבענציטירטע רייד פון אַ כשר'ן בונדאָוועץ, פון ה' זעלצער. אין ווי זיין פּאָזיציע איז געוואָרען אין יודענטום, וועגען דעם וועלען מיר לאָזען ריידען דעם ה' מעדעם: „אין דער יודישער סביבה האָט יענע „איבער און אי=בער גרויסע" השפעה, וועגען וועלכער דאָ רעדט=זיך, גע=קאָנט זיין מעגליך נאָר אין אַזאַ מאָמענט, ווען די בורזשואַזיע שיכ=טען זענען געוואָרען, פון איין זייט, אויף אַזויפיעל אויפגעוועקט כדי מיטצופיהלען דער רעוואָלוציע, אָבער, פון דער אַנדערער זייט, זענען זיי נאָך ניט אויף אַזויפיעל צייטיג, אַז זיי זאָלען זיך אָרגאַ=ניזירען אין זעלבסטשטענדיגע בורזשואַזע פּאַרטייען; דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס אַלע זייערע סימפּאַטיען האָבען זיך גע[illegible] ווענדען צום איינציגען צענטער פון דעם יודישען פּאָליטישען לע=בען — צום בונד. נאָר די צייטען האָבען זיך געביטען; די פּאָלי=טישע זעלבסטבעשטימונג פון דער יודישער בורזשואַזיע איז געגאַנ=גען מיט שנעלע טריט פּאָרווערטס, און וועניגער זעלבסטבע=שטימט האָט זי זיך אָבגעגרענצט פון בונד"[11]). אויך אין דיזע רייד איז פאַראַן אַ סך גוזמות, נאָר אין אַלגעמיין איז דאָ אויך פאַראַן אַ גרויסער טייל אמת. אַזוי רעדען כשר'ע בונדיסטען. יעדער טריט וואָס די רעוואָלוציע מאַכט פּאָרווערטס גרייט=צו דעם פאַלען פון דעם בונד'ס אויטאָריטעט, פון זיין השפעה. די רוסלענדישע רע=וואָלוציע, וועלכע האָט זיך איצט פונאַנדערגעוויקעלט, ווייזט אַרויס אַלע מעלות און חסרונות, אַלע פערבאָרגענע כאַראַקטערען פון יענע גרופּען, וועלכע האָבען אין איהר גענומען אַנ'אָנטייל. זי דעקט=אָב די פּאַקטישע קרעפטען=פערהעלטניס, זי גיט צו שכל די אונער=פאַהרענע; איינזיגע גרופּען צושיידט זי, און אַנדערע פעראייניגט זי. און ביי דער בעלייכטונג פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע האָט דער בונד צרויסגעוויזען אַלע זיינע חסרונות, בעווייזען אונז

---

10) "Наше Слово„ № 3 Объед. бунда съ Р. С. Д. Р. П.
11) Ibiq.

און גאָר דער וועלט, דאָס זיין גאַנצער פּויקען און געפּילדער איז נאָר כדי צו פערדעקען זיין אינעווענינסטע שוואַכקייט. די רעוואָלוציע בעווייזט, אַז אַ בעריישונג און מאַכט קאָנען האָבען נאָר יענע פּאַרטייען, וועלכע פּאַסען-אָן זייער טאַקטיק צו די סאָציאַלע און היסטאָרישע לעבענסאויפגאַבען פון דער גרופּע, וועלכע זיי בעשיצען. קיין איינציגע מעלה האָט דער בונד ניט ערוואָרבען, — אדרבא, ער האָט נאָך אויף זיין וועג פערלאָרען אַלץ, וואָס ער האָט געקראָגען פון דער קאַרגער נאַטור. די רעוואָלוציע האָט אָבגערייניגט דעם וועג פאַר אַן'אַנדער עלעמענט, וועלכען די היסטאָריע האָט בעשטימט צו שמידען דאָס גליק פון'ם יודישען פּראָלעטאַריאַט. די בונדאָווצעס, איבער סבות וועלכע מיר קאָנען לייכט פערשטעהן, בעמערקען כלומר'שט ניט יענע גרויסאַרטיגע ערשיינונג אין דעם יודישען פּראָלעטאַרישען לעבען, וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פון דריטען און שטאַרקסטען מאָמענט פון'ם אָבשוואַכען די פּאָליטישע מאַכט פון בונד, — דאָס איז דאָס ערשיינען פון דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם אויף דער אַרענע פון דעם יודישען געזעלשאַפטליכען לעבען און פון דער היסטאָריע.

דער ערפאָלג פון פּראָלעטאַרישען ציוניזם איז וואונדערליך גרויס. אין אַ משך פון אַ וועלכע צוויי-דריי יאָהר האָט זיך דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם פערשפּרייט איבער אַלע שטעדט און שטעדטלעך, אין אַלע פערוואָרפענע ווינקעלעך, אין וועלכע יודען וואוינען נאָר; ער איז אַריינגעדרונגען אין די צענטראַלע גובערניעס, זיך אַריבערגעלאָזען איבער'ן גרענעץ פון רוסלאַנד, אומבאַהמענדיג אין זיין זיגרייכען מאַרשירען אַלע ערטער און לענדער, וואו נאָר עס לעבט, דענקט און ליידט דער יודישער פּראָלעטאַריער. ער בעזייטיגט יעדער מניעה, וואָס זיינע געגנער לעגען איהם אויפ'ן וועג. ברייט אַריינדרינגענדיג אין די יודישע מאַסען, האָט דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם אָהן רחמנות אַרויסגעריסען די אַרבייטער פון אונטער דעם בונד'ס פאָהן. מיר האָבען געוואָרפען אויף די אָנפיהרער אַנ'אימה. דער שרעק פאַר'ן ציוניזם האָט זיי געמאַכט נערוועז. אין די רעפעראַטען אויף דער VII-טער בונדאָווסקער קאָנפערענץ, אין די אַרטיקלען פון די בונדאָווסקע פּובליציסטען פאַר און נאָך דער קאָנפערענץ, פאַר און נאָך דעם VII-טען צוזאַמענפאָהר — אומעטום געפינט איהר ביים בונד דעמזעלבען פחד. אָבער דאָס איז אַלץ

אומיסט! עס טהוט איהם נעבאך וועה דאָס הארץ צו זעהן ווי זיינע
שעפּעלעך פערלאָזען איהם איינציגווייז. דורכשניידענדיג זיך דורך
דער פינסטערניס, זיהט דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם צווישען די
אַרבייטער-מאַסען קערנער פון אַ ריין סאָציאַליסטישען געדאַנק, וועל=
כער איז דורכגעזיבּט דורך דער מעכטיגער זיב פון דער רעאַלער
יודישער פּראָלעטאַרישער ווירקליכקייט; ער צובּרעכט די פעסטונגען
פון'ם בּלינדען פאַנאַטיזם, וועלכער איז אַזוי שטאַרק אויסגעוואַק=
סען און נאָך מעהר פערגרעסערט געוואָרען דורך פערשידענע
דעמאַגאָגען, ער רייסט אַראָב די פאַלשע מאַסקע פון די, וועלכע
פערשטעלען מיט אַ שילד פון פסעוודאָסאָציאַליסטישע פראַזעאָלאָגיע
זייערע רעאַקציאָנע, אַסימילאַטאָרישע כוונות, און שטעלט אָפען
אַרויס פאַר דער וועלט בּכלל און פאַר דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט
בּפרט זייער גאַנצע אינערליכע פוסטקייט, זייער אויף שקרים גע=
שטיצטע טעטיגקייט, זייער אייגענע שוואַכקייט. אָט וואו כען
דאַרף זוכען די הויפּט=סבה פון דעם בּונד'ס אינערליכע שוואַכקייט,
פאַרוואָס ער האָט בּיסלעכווייז אָנגעוואָרען זיין פּאָליטישע בּעדיי=
טונג אין דער יודישער סביבה! דאָס יודישע לעבּען אין געשטאַלט
פון פּראָלעטאַרישען ציוניזם האָט דייטליך בּעוויזען, אַז מען קאָן
ניט זיין נייטראַל אין אַזעלכע פראַגען, וועלכע שטעהען לויט זייער
וויכטיגקייט אויף דער ערשטער מדרגה, אין פראַגען וועגען דער
היסטאָרישער ריכטונג פון די יודישע מאַסען. צו די אַלע שטיינער
וועלכע הענגען דעם בּונד אי'פ'ן האַלז, איז צוגעקומען נאָך אַ שווע-
רער, גרויסער שטיין — דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם, — און דער
פאַלשער משיח פון יודישען פּראָלעטאַריאַט איז אַראָבּגעצויגען גע-
וואָרען צום גרונד און דערטרונקען געוואָרען אין ים פון פּאָליטישען
בּאַנקראָט!

דאָס זענען די סבּות פון דעם בּונד'ס ניט=העלדישען סוף.
ער איז געפאַלען — און עס איז מיט איין מניעה ווייניגער געוואָ=
רען אויפ'ן וועג פון דער סאָציאַל=דעמאָקראַטישער בּעוועגונג פון
דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט. דער בּונד האָט ניט געקאָנט בּעשי=
צען די אינטערעסען פון דעם יודישען אַרבּייטער. און ווייל ער האָט
ניט געקאָנט אַרויסשטעלען קעגען דער פּאַרטיי אַזאַ מאַכט, וועלכע
זאָל זיך שטיצען אויף די רעאַלע פאָדערונגען פון די יודישע מאַסען —
האָט ער געמוזט מאַכען די פליטה פון דער געזעלשאַפטליכער טריבּונע.

ער האָט ניט קאָנצענטרירט און ניט געקאָנט קאָנצענטרירען אין זיך די בעדערפניסען און פאָדערונגען פון יודישען פּראָלעטאַריער — אויף אַזאַ'נ' אופן איז ער געוועזען אַ שעדליכער איפּוואוקס אויפ'ן קערפּער פון אונזער פּראָלעטאַריאַט. דער בונד האָט פערטיידיגט די מיינונג פון די „פּאַרטייניקעס": „דער בונד און דער יודישער פּראָלעטאַריאַט זענען צוויי פערשידענע זאַכען"! נאָר די „פּאַרטייניקעס" האָבען אויך אַ גרויסען טעות, ווען זיי האַלטען, אַז דער יודישער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט קיין בעזונדערע היסטאָרישע אויפגאַבע, אַז ער מוז לחלוטין זיך צונויפשמעלצען מיט די ניט-יודישע מאַסען. ניין! דער בעוואוסטזיניגער יודישער פּראָלעטאַריאַט האָט שוין לאַנג אָנגעצייכענט און בעשטימט זיין וועג צום סאָציאַליזם. ער ווייס וואָס ער האָט צו טהאָן, וואָס און ווי צו פאָדערען. שטאַרק דורך דעם בעוואוסטזיין פון דער היסטאָרישער נויטווענדיגקייט צו בעפריעדיגען די סאָציאַלע בעדערפניסען פון יודישען פּראָלעטאַריאַט דורך דער טעריטאָריאַלער לעזונג פון דער יודען-פראַגע, שטאָלץ מיט דער גראַנדיעזער, ערהאַבענער אויפגאַבע, וועלכע איז געמאָלען אין אינזער גורל — ראַדיקאַל אומצוענדערען דאָס שיקזאַל פונ'ם יודישען פאָלק, — געהען מיר דרייסט און מוטיג איבער דעם אָנגעצייכענטען וועג, מאַרשירען מיר אונטער דער ערהאַבענער פאָהן פון סאָציאַליזם צום ענדפונקט פון די יודישע וואַנדערונגען, צום ענדפונקט פון די אידעאַלען פון יודישען אַרבייטער. און מיר זענען איבערצייגט, דאָס דער איבעריגער טייל פון יודישען פּראָלעטאַריאַט וועט נאָך אונז נאָכגעהן. אפילו יענע אַרבייטער, וועלכע האָבען אויפ'ן בונד געקוקט דורך ראָזע-ברילען, טוען זיך אויך איצט איבערצייגען אין דער פאַלשקייט פון יענעם וועג, איבער וועלכען דער בונד האָט זיי געפיהרט, זיי מוזען בעמערקען די רעטונגסלאָזיגקייט פון יענעם טיעפען זומפּף אין וועלכען ס'איז אַריבער'ן קאָפּף פערקראָכען דער געבאַנקראָטירטער „איינציגער פאַרשטעהער". מיר גלויבען אין דעם געזונדען פערשטאַנד פון דעם יודישען אַרבייטער, וועלכער וועט געוויס קענען אונטערשיידען צווישען פסולת און ריינעם זילבער און וועט זיך ניט לאָזען אַריינציהען דורך די אָנפיהרער פון בונד אין אַ געפעהרליכער נעץ פון פּאָליטישען אַוואַנטיוריזם. מיר ווייסען שוין פאָראויס, דאָס די זעלביגע פיהרער וועלען באַלד פערגעסען ווי זיי האָבען זיך געפיהלט

און מיט וואָס פאַר אַ טרויעריגען טאָן האָבּען געקלונגען זייערע רייד פאַר'ן אַריינטרעטען אין ר. ס.=ד. א.=פּ., און מיט אַ מינע פון נצחון וועלען זיי זיך סטאַרען פונאַנדערצופויקען: „מיר האָבּען אויסגעפיהרט!", איינרעדענדיג דעם פּראָלעטאַריאַט אַז זיי האָבּען דאָס, אייגענטליך, געטהאָן צוליעב דעם גליק און כבוד פון זייער „געמיינדע". נאָר פונדעסטוועגען קאָנען מיר אַרויסזאָגען אונזער טיעפע איבּערצייגונג, אַז דיעזע „געמיינדע" וועט זיך דאַרויף אָבּרופען מיט אַ ביטער'ן פאָרוואורף, מיט אַ טיעפער פעראַכטונג צו איהרע געוועזענע גבאים און נשמות=פערזאָרגער. „איך וועט זיך ניט איינגעבען דורך פלפול אונז ערקלערען אייער מדחה זיין אַן אַ זייט אונזערע פאָדערונגען און בעדערפניסען, וועלכע איהר קאָנט ניט בעפריעדיגען" — וועט דעמאָלט קלינגען דער פאָרוואורף פון די יודישע אַרבייטער — פון די געוועזענע בונדאָווצעס. און מיט פעראַכטונג וועלען זיי פערלאָזען דעם לאַגער, וואוהין זיי זענען געוועזען פערפיהרט, און וועלען קומען צו אונז — צו די, וואָס מיט זייער טעטיגקייט און פּראָגראַם וועלען געבען דעם איינציג=ריכטיגען ענטפער אויף די רעאַלע בעדערפניסען פון יודישען פּראָלעטאַריאַט; צו די, וועלכע ווייזען=אָן דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט זיין סאָציאַלדעמאָקראַטישען וועג דורכצופיהרען אין לעבען זיינע אידעאַלען, — **צו דער יודישער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אַרבייטער פּאַרטיי" פועלי=ציון**.

פאָרשטעלענדיג מיט זיך די אמת'ע אינטערעסען פון די יודישע מאַסען, אויפמערקזאַם צוהערענדיג זיך צום לעבּענס=קול, וועלען מיר צווינגען די אַלוועלטליכע ס. ד.=יע צו רעכענען זיך מיט אונז אַריינצונעהמען אונז אין איהרע רייהען און מיטצוהעלפען אונז אין אונזער גרויסער היסטאָרישער אויפגאַבּע.